ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# התגלות
# הצדיקים

אידיש

**640**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# התגלות הצדיקים

אין דיזען ספר ווערט ערציילט זייער גרויסע וואונדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסירט ביי דיזע גאונים וצדיקים זכותם יגן עלינו :



שער דמשק

# התגלות הצדיקים

## אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען גאון אין צדיק ר' יצחק'על חריף זכרונו לברכה:

דער הייליגער גאון ר' איציקעל חריף זכרונו לברכה. איז נאך אין זיין יונגערהייט גיוועזען בעשם'ט אלעס גאון אין באלד נאך דער חתונה האט איהם דיא שטאדט סאמבור אויפגענומען אלעס רבי ער האט בעוויזען אין משך פון א קליינע צייט דאס אבוואהל ער איז נאך גאהר יונג פון דעסטוועגען איז ער ראוי צוא דעם גרויסען פעראנטווארטליכען פאסטען וועלכען דיא שטאדט האט איהם אהנפערטרויעט, ער האט גלענצענד ערלעדיגט אלע עניני הקהילה אין מיט אזוי אשנעלקייט אין פינקטליכקייט וואס טאקע נאהר אזוי אגאון האט דאס גיקענט בעוויזען, אויך האט ער איינגעווארענט אגרויסע ישיבה צוא וועלכע עס האבען געשטראמט בחורים פון דיא ווייטסטע ערטער אום צוא שעפען פון דעם שפראצעלדיגען אין טיעפזיניגען הסבר מיט וועלכער דער גאון איז גיוועזען אזוי ווינדערליך בעאכט, אין אזוי ארום אויסגעשטעלט זיינע תלמידים זייא זאלען אויך זיין ראוי צוא פערנעמען דיא גרעסערע שטעלעס אין דעם רבנישען לעבען. אין עס איז איהם טאקע אין אגרויסע מאס דיא זאך געלונגען דאס ווען עס איז גאהר ארויס פון איהם א תלמוד וועלכען ער האט בעשאנקען מיט דעם צוטרוי פון היתר הוראה. האבען זיך תיכף געמאלדען פיעל שטעדט וועלכע האבען איהם געוואלט אויפנעמען פאר ארב אין אמנהיג. דרובער איז גאהר קיין ווינדער נישט גיוועזען וואס אין אקליינע צייט איז דיא ישיבה פון סאמבור זייער פאפולער געווארען. אין האט אלע מאהל צוא געצויגען מעהר אין מעהר תלמידים וועלכע זענען טאקע גיוועזען אויסגעצייכענט אין זייערע הנהגות ישרות און אין זייער חריפות אין בקיאות. ווייל נישט אבי ווער האט געקענט אהנגענומען צוא ווערען אין ר' איציק'ילס יחרים'ס ישיבה.

זעלבסטפערשטענדליך

# התגלות הצדיקים

**װעלבסטפערשטענדליך** דאָס װען דיא ישיבה איז אזוי געליבט אין געאַכטעט געװאָהרען איז איהר שעפער אין גייסטליכער אָהנפיהרער ר׳ איציקעל חריף װייט אין ברייט בעשטט געװאָהרען אַביסעל דורך דיא רבנים װעלכע זענען אַרויסגעגאַנגען פֿין זיין ישיבה אין דיא אַלע שטעדט װעלכע האָבען זוכה גיװעזען װעלכען תלמוד זיינעם אויפצונעמען זענען זייער צופרידען געװעזען פֿין דעם אין האָבען געבענטשט אין געלויבט דעם רבי׳ן װעלכער האָט אַזעלכע גיטע תלמידים אויס גישטעלט, אין אַביסעל דורך דיא תלמידים אַליין װעלכע האָבען נאָך נישט זוכה גיװעזען אַריינגענומען צו װערען אין דער גרויסער סאַמבורער ישיבה. אָבער זייא האָבען זיך דערצו צוא געגרייט אין װען מען האָט גיזעהן מיט װאָס פֿאַר אַ התמדה אין אַ ישוב הדעת זייא אַרבייטען זיך אויס כדי הערשט אַריינגענומען צוא װערען אין ר׳ איציקעל חריף׳ס ישיבה האָט מען שוין געקענט ביט פֿערשטיין װיא עס קוקען אויס דיא תלמידים װעלכע לערנען שוין דאָרט, אין בפרט דער רבי װעלכער לערינט מיט זייא, לויט דעם מענטשליכען געדאַנק האָט, מען דעם גרויסען איבעראַל פֿערראַכטעטין גאון געדאַרפֿען אַרויס האַפען פֿון סאַמבור אָבער אין דער װירקליכקייט איז דאָס נישט פֿאָהרגעקומען, דיא סיבה דערפֿין איז געװעזען גאַנץ איינפאַך. דאַמאַלסט איז געװעזען אַדור פֿין אַסאַך גדולי התורה גאונים אין קדושים נאָך פֿין דעם אַלטען דור אין זייא האָבען פֿערנומען דיא רבנות שטעלעס אין דיא גרויסע שטעדט דאַמאַלסט װען דער יונגער גאון האָט אָהנגעהויבען צוא פֿערשאַהנען דיא װעלט. אַלזאָ איז אין קיין גרויסע שטאָדט קיין פֿרייער פּאַסטען נישט גיװעזען אין װידער אַקליינער מיטעלע שטאָדט װעלכע האָט זיך געפֿרייט דאָס זיא האָט געהאַט דיא זכי׳ זיינעם אַ תלמוד אויפֿצונעמען פֿאַר רב האָט דאָך װידער קיין חוצפה נישט געהאַט אָהנצושלאָגען דעם גרויסען גאון אין חריף צוא װערען זייער רב אין דרובער איז ער גיװעזען אַלעגעפֿרע צייט אין דעם שטעדטעל סאַמבור:

**אָבער** װיא עס איז פֿערבייא געגאַנגען אַצייט האָט זיך דערצו בעמאַכט אַגעלעגענהייט דעם גרויסען גאון אַרויס צו נעמען פֿין סאַמבור, עס איז אַנאומגליק געשעהן דער גרויסער גאון אין װעלט בערוהמטער תורה אויטאַריטעט רבי מאיר ברבי דער פּרעסבורגער רב איז נפֿטר געװאָהרען איז יאָהר תקנ״ד דיא אבידה איז גיװעזען זייער גרויס

גר

ער האט כמעט נישט איבער געלאזט זיינע גלייכען צווישען די מיטעל
שטעדטישע רבנים אין די גרויסע שטעדטישע רבנים האבען נישט
געוואלט אוועק גייען פון זייערע רבנות'ן, מען האט געמאכט אגרויסע
אסיפה אבצוקלערען וועלען פאסיגען קאנדידאט צוא פערבעטען אויף
דעם גרויסען געוועזענעם גאונ'ס ארט. אין עס איז בהסכם כולם
בעשלאסען געווארען דאס דער פאסיגסטער קאנדידאט איז דער
סאמבורער רב דער בערויסטער גאון אין צדיק ר' איציקעל חריף. אין
אבוואהל ער איז נאך נישט אזוי אגרויסער גאון וויא דער פריהעריגער
רב ר' מאיר ברבי וועלכער איז הערשט נפטר געווארען, איז ער אבער
נאך גאהר יונג אין מיט דער צייט קען ער אויך ארויס וואקסען אזוי
גרויס דאס ער זאל געציילט ווערען צווישען די איינצילע וועלט
גאונים וויא זיין פאהרגעגנער דער רבי מאיר ברבי איז געוועזען. אין
ער וועט זיין א קרוין פאר דער פרעסבורגער קהילה. מען האט תיכף
דעם קהילה סעקרעטאר בעפויהלען אויסצישטעלען א כתב רבנות אין
נאמען פון דער גרויסער פרעסבורגער קהילה אויף וועלכען אלע פרנסים
האבען זיך זייער גערען גע'חתמעט, אבער דאה איז אינטער געקומען
א שווריגקייט מיט דעם אוועק שיקען דעם בריף, ווייל דער גאון ר'
איציקעל חריף איז נאהר גיוועזען בעווסט מיט דעם לומדישען נאמען
דאגעגען דער פאמיליען נאמען איז לגמרי גיוועזען אומבעקאנט, אין
יעצט איז דאך דאס נויטיג גיוועזען ווייל אין דער דאמאלדיגערצייט
האבען זיך פיהל מענטשען וועלכע האבען אפילו נישט פערנומען דעם
פאקטישען רבנות פאסטען זיך געטיטולירט מיט דעם טיטול רב. אלזא
מען האט זיך אהנגעהויבען נאך צוא פרעגען אין שטאדט אפשר ווייסט
ווער וויא דער גאון ר' איציקעל חריף דער סאמבורער רב הייסט אויף
דעם פאמיליען נאמען. אבער לויידער האט זייא נישט געגליקט דאס
געוואהר צוא ווערען. אין צוא דער צווייטער זיצונג איז דער עולם
אין קהילה געקומען געוואהר צו ווערען ווען מען זאל זיך צוא גרייטען
מקבל פנים זיין דעם רב, אבער צוא אלעמענס גרויסער פערדראס
זענען זייא געוואהר געווארען דאס מען האט נאך אפילו דעם בריף
נישט אוועק געשיקט. אין ער ליגט שוין צוויא וואכען אין דעם
סעקרעטאריאט איבער אזוי אקלייניגקייט, דאס האט ארויס גערופען
אגרויס אונצופרידענהייט בייא די פערזאמעלטע אין איינינע היציגערע
האבען זיך אויסגעדריקט מיט פיינדליכע אויסרופען אויף דעם
אונבעהאלפינקייט

אונבעהאלפינקייט פין דער קהילה אהנפיהרערשאפט. אבער דיא ניכטערע האבען דיא איינגעשטילט דאס יעצט איז נישט דיא צייט פין דעמאנסטרירען געגען דער קהילה פארוואלטונג נאהר עפיס אויף צוא טוהן אין דער הינזיכט. זייערע ווערטער וועלכע זענען אין ערנסטען טאן אין אויפריכטיג ארויס געזאגט געוואהרען האבען געפינען דעם בעהעריגען אבקלאנג אין דער עולם האט זיך וויא עס איז בערוהיגט אין דער פארזיצענדער האט גיעפינט דאס רעגילערע קהילה זיצונג אין בעגעבען דאס ווארט ווער עס קאן נאהר אהנוויזען עפיס אנעצה דער צוא:

באלד האט זיך געמאלדען איינער אסוחרישער יונגערמאן אין האט ארויין געטראגען א פאהרשלאג דאס מען זאל אדרעסירען דעם בריף אויף דעם נאמען פין דער יודישער קהילה אין סאמבור. אבוואהל דער פאהרשלאג האט ארויסגערופען אגרויסע דיסקאסיע אין פיעל אנוועזענדע האבען ארויס געזאגט געוויסע ספיקות צוא דיא זאך ווען פיהרען צוא דעם געווינטשענעם רעזולטאט. וויל לויט זייער פערשטאנד וועלכער האט זיך טאקע דערנאך ארויס געוויזען אלעס ריכטיגער, ווען דיא קהילה נישט וועלען איבער, געבען דעם רב דאס כתב רבנות וויל זייא וועלען נישט וועלען דאס דער גרויסער גאון זאל זייער שטאדט פערלאזען. אבער באין ברירה האט מען געמיזט דעם פאהרשלאג אקצעפטירען וויל עס ווען דאך נישט ערגער מאכען, אין אפשר ווען דיא קהילה יאה איבער געבען דער בריף, מען האט דעם קאנסוס מיט אבריף אוועק געשיקט אויף דעם נאמען פין סאמבורער קהילה. אין זייא דרינגליך גיבעטען דעם קאנסוס איבער צוא געבען דעם רבי'ן דער בריף איז אהנגעקומען אין קהלה ביורא, האט דאס דעם סעקרעטאר שטארק פערדראסען היתכן דאס זיין בחור וועלכער לערינט אין דעם גרויסען גאונ'ס ישיבה אין ער האט אזוי פיהל נחת פין איהם זאל מוזען זיין נע ונד אין אזוי אוויט ארט אזש אין פרעסבורג. אין בלאס אזוי וויא לאזט מען עפיס ארויס אזוי אגרויסען רב פין דער קהילה ער האט בעשלאסן זיך געגען דעם צוא בעמוהען מיט אלע קרעפטען, נאהר וויל אבער זיין פאסטען האט איהם דערצוא געצווינגען אלע קארעספענדענציעס איבער צוא געבען, האט ער דאך דעם בריף נישט ביקענט אוועק ווארפען וויל ער איז גיוועזען רעקאמאנדירט אין ער האט געמוזט דעם פאסט טרעגער בעשטעטיגען דאס ער האט איהם

דערהאלטען

רשדהאלטען אין טאמער ווען פרעסבורגער קהל פערפיהרען געגען איהם אפראצעס ווען ער דערפאר צוא געצויגען ווערען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט. דרובער האט ער בעשלאסען דיא זאך פרוהער צוא בעשמיסען מיט דעם ראש הקהל ר׳ יונה וועלכער איז געוועזען איינער פון דעם רב׳ס בעסטע פריינד. אין ער זאל פרובען ווירקען אויף איהם דאס ער זאל דעם בריף נישט איבער געבען דעם רב, כך הוה, דער סעקרעטער איז ארובער געגאנגען צו דעם ראש הקהל רבי יונה אין ער האט איהם דערציילט דיא מעשה פין דעם בריף, דער ראש הקהל איז זייער איבעררעשט געוואהרען פין דער ידיעה אין ער האט גיגעבען א געשרייא וויא אוהנזיניגער, וואס זייא ווילען אונזער ליבען רב אונזער קרוין פין קאפ ארויסנעמען פין אונז אין דאס זאלען מיר אליין זייא נאך צוא העלפען דערצו. היו לא תהי׳. דאס ווען פאר קיין פאל נישט פאהרקומען. איהר זייט אזוי גיט אין גייט ברענגט מיר דעם בריף אין איהר זאלט דערפין נישט איבער חזר׳ן קייגעם פין דיא מיטגלידער פין דער קהילה איהר הערט וואס איך זאג אייך קיינער זאל דערפין נישט וויסען אויסער אונז ביידע, דער סעקרעטאר איז אדערפרעטער ארויסגעגאנגען פין דעם ראשי הקהל רבי יונה ער אליין האט זיך גאהר נישט פאהר גישטעלט אזוי לייכט זאל איהם דיא זאך אהנקומען ער האט זיך פשוט גערובען דיא הענד פאר שמחה. און אין אקורצע ווייל איז ער שוין צוריק גיוועזען בייא דעם ראש הקהל רבי יונה אין ער האט איהם דערלאנגט דעם בריף פין דער פרעסבורגער קהילה מיט דעם קאנסוס וועלכעס זייא האבען געשיקט פאר דעם רב דער גרויסער גאון ר׳ איציקעל חריף, דער ראש הקהל האט גענומען דעם בריף צוא זיך אין טאש ארייין וויל ער האט מורא געהאט צוא געטרויען אפילו זיין בני בית דעם גרויסען סוד. עס זאל נישט אמאהל אהנקומען צום רב. אפשר ווען ער האבען אויף איהם א תרעומות אדער ער ווען טאקע אהנעמען דאס פרעסבורגער רבנות. אין דרובער האט ער דעם בריף שטענדיג געטראגען בייא זיך, דיא פרעסבורגער קהילה האבען גיזעהן אז עס איז ארובער געגאנגען עטליכע חדשים אין עס איז נישט צוריק געקומען קיין תשובה פין דעם סאמבורער רב ר׳ איציק׳על חריף האבען זייא גירעכינט דאס דער גאון וויל א וודאי בישט אהנעמען דעם כסא הרבנות פין זייער שטאדט. אין דרובער האבען זייא געשיקט א כתב הרבנות צוא דעם גרויסען גאון ר׳ משולם איגרא

# התגלות הצדיקים

איגרא וועלכער איז דאמאלט געוועזן רב אין טיסמעניץ און ער איז אויך געוועזן זייער בעשמט מיט זיין גאונות, דער גאון ר' משולם איגרא האט אהנגענומען דאס פרעסבורגער רבנות, נאהר ווען ער איז געוואהר געווארען דאס דיא פרעסבורגער קהלה האט פריהער געהאט געשיקט א כתב הרבנות צוא דעם סאמבורער רב דער בעוויסטער גאון ר' איציקעל חריף און זייא האבען פון איהם קיין תשובה נישט דערהאלטען, איז ער געפאהרען פריהער קיין סאמבור פרעגען ר' איציקלען צוא ער וויל טאקע אין אמת אריין נישט אהנעמען דאס פרעסבורגער רבנות און וואס פאר אטעם ער האט דערבייא:

וויא דער גאון ר' משולם איגרא איז געקומען קיין סאמבור האט זיך דיא גאנצע שטאדט צונויף גענומען איהם מקבל פנים זיין מיט גרויס כבוד און דער רב ר' איציקעל חריף האט געמאכט א גרויסע סעודה לכבוד דעם חשובען אורח. זעלבסטפערשטענדליך דאס אויף דער סעודה האט זיך אויך געפינען דער ראש הקהל רבי יונה. בייםט טיש וויא דיא ביידע רבנים האבען אהנגעהויבען צוא שמיסען צווישען זיך האט דער גאון ר' משולם איגרא דערציילט דעם רב ר' איציקעל חריף דיא ריכטיגע סיבה וועלכע האט איהם געבראכט צוא קומען קיין סאמבור, היות דיא פרעסבורגער קהלה האט איהם געשיקט א כתב רבנות און ער האט עס אהנגענומען. אבער דערנאך איז ער געוואהר געווארען דאס דיא פרעסבורגער קהלה האט פריהער געהאט געשיקט צוא ר' איציקעל חריף א כתב הרבנות און ער האט זייא גאהר נישט גיענטפערט. דרובער איז ער געקומען פרעגען צו ר' איציקעל וויל טאקע נישט אהנעמען דאס פרעסבורגער רבנות, און פארוואס ער וויל עס נישט אהנעמען, דער גאון ר' איציקעל חריף איז געבליבען זיצען פערווינדערט, און ער האט גיענטפערט דעם גאון ר' משולם איגרא דאס ער ווייסט פון גאהר נישט צוא זאגען. ער האט נישט דערהאלטען קיין שום כתב רבנות אדער אזעלכען עס איז בריף פון דער פרעסבורגער קהלה:

דער ראש הקהל רבי יונה איז זייער איבער געשראקען געווארען און ער האט זיך אויף גישטעלט און געזאגט איך מוז מאכען בעקאנט מיין זינד וועלכעס איך בין בעגאנגען לגבי אינזער זייער געאכטעטען רב. דאס וויל איך האב איהם זייער ליעב און עס איז מיר ממש אונמעגליך זיך פון איהם צוא שיידען דרובער ווען איך האב דערהאלטען

דערהאַלטען דעם בריף האָב איך איהם נישט איבער גיגעבען דעם רב, און איך האָב איהם אפילו נישט געלאָזט ליגען אין דער היים בכדי עס זאָל נישט אַמאָהל אַרויס קומען דיא זאַך, און איך טראָג איהם שטענדיג ביי זיך. און אַזוי רעדענדיג האָט ער דעם בריף אַרויס גענומען פון בוזעם טאַש און אַנידער געלייגט אויפן טיש. דיא ביידע גאונים האָבען אַדורך געקוקט דאָס כתב רבנות. און דערנאָך האָט זיך דער גאון ר' משולם איגרא אָהנגערופען צוא דעם שטאָדט'ס רב דער גאון ר' איציקעל חריף אַלזאָ זעה איך דאָך אַז דאָס רבנות אין פרעסבורג איז על פי האמת אייער און דרובער וויל איך אייך נישט חס ושלום משיג גבול זיין, און איהר מעגט פאָהרען קיין פרעסבורג. און איך וועל שרייבען צוא דיא ראשי הקהילה וועגען דעם מיספערשטענדינעש וועלכעס איז דאָה פאָהר געקומען. אָבער דער רב דער גאון ר' איציקעל חריף האָט זיך אָבגעזאָגט דערפון און ער האָט געזאָגט צוא דעם גאון ר' משולם איגרא דאָס ער האָט אַראַי' פון אַ בפירושע גמרא אַז דאָס פרעסבורגער רבנות קעהרט באמת צוא דעם גאון ר' משולם איגרא, דיא גמרא איז אין מסכת תענית (דף כ"א) דערציילט דאָרט דיא גמרא אַזוי אַ מעשה:

**אילפא** און ר' יוחנן זענען גיזעסען יום ולילה אין גילערינט. עס איז אָבער זייא ענג געוואָהרען אין פרנסה האָבען זייא זיך אָבגעשמיסט מיר וועלען גיין אַביסעל האַנדלען מיר זאָלען זיך פערדינען אויף פרנסה, און מיר וועלען מקיים זיין דעם פסוק אפס כי לא יהי' בך אביון. דאָס הייסט דיא זאָלסט טוהן אין צרכי פרנסה וועט דיך השי"ת בענטשען דאָס דיא וועסט קיין אָרימאַן נישט זיין זייא האָבען אַזוי טאַקע געטהון און זייא זענען אַרויס צום פאָרט פון וואַנען עס קימט אָהן אין עס גייט אַוועק פיעל שיפען זייא זאָלען זיך דאָרט אויסזיכען עפיס צוא פערדינען. אַזוי זיצענדיג ביי דעם ברעג לעבען אַ הילצערנע וואַנט האָט רבי יוחנן גיהערט וויא מלאכים זאָגען איינער צום צווייטען לאָמיר איינוואַרפען דיא וואַנט אין דיא צווייא מענטשען דערהארגינען ווייל זייא לאָזען אָב דיא תורה וואָס זיא איז דאָס אייביגע לעבען און גיבען זיך אָב מיט פראָסטע זאַכען, האָט דער צווייטער איהם גיענטפערט מיר קענען זייא גאָהר נישט טהון ווייל איינער פון זייא שטייט אין אַ שטייגענדיג מזל און ער דאַרף גרויס ווערען און זיין אַ מנהיג הדור, רבי יוחנן האָט גיהערט און אילפא האָט נישט

# התגלות הצדיקים

נישט גיהערט האָט רבי יוחנן גיפרעגט אילפאָ'ן צו ער האָט שוין גיהערט האָט ער גזאָגט דאָס ער האָט גאָהר נישט גיהערט, האָט זיך רבי יוחנן דערפון גערדינגען דאָס זיין מזל שטייגט אין דרובער האָט ער עס נישט געוואָלט אויסנוצען אויף פראָסטע זאכען אין ער האָט זיך צוריק גענימען צום לערנען און ער איז טאַקע געוואָהרען אגרויסער תלמוד חכם און אגרויסער יודישער פיהרער. אלזאָ זעהן מיר דאָך דאָס ווער מען וויל מן השמים ער זאָל גרויס ווערען, אפילו ער זיצט מיט נאָך איינעם הערט ער דעם בת קול און דער צווייטער נישט און אזוי דאָה ביי אונז דאָס איהר האָט דער האלטען דאָס כתב רבנות אבוואהל מען האָט עס צו אייך שפּעטער געשיקט און איך האָב נישט דערהאלטען איז דאָס אסימן אז פון הימעל האָט מען אייך גיקריינט מיט דעם פרעסבורגער רבנות און דרובער האָב איך גאָהר נישט דערגעגען, און פאָהרט געזינדערהייט אין אייער רבנות שטאָדט, דיא אלע פערזאַלמטע וויא אויך דער גאון רבי משולם איגרא אליין האָבען זייער בעוואָנדערט דאָס גרויסע צדקות און ערליכקייט פון דעם רב ר' איציקעל חריף וועלכער האָט אליין בידים אוועק גישטויסען אזוי אגרויס רבנות וויא דיא שטאָדט פרעסבורג. אין דער צייט וואָס דער גאון ר' משולם איגרא האָט עס איהם געוואָלט מיט א אמת אָבטרעטען און דיא פרעסבורגער קהילה וואָלט אוודאי דער פין גיוועזען צופרידען ווייל זייא האָבען דאָך באמת דעם סאמבורער רב ר' איציקעל חריף געוואָלט פאר רב, און האָבען איהם פריהער געשיקט אכתב רבנות גאָהר נאָך אמוספרשטענדינעש האָבען זייא דערנאָך געשיקט דאָס כתב רבנות צום גאון רבי משולם איגרא קיין טוסמניץ אזוי ווי עס איז פריהער בעשריבען, און אלעס דאַנק און אנערקענונג פאר דעם גוטען טהאַט האָבען דיא פרנסים פון דער סאמבורער קהילה און הסכם פון דער גאַנצער שטאָדט דעם רב געטאָפּילט דיא פענסיע. וויא אויך אגרויסען סובסודיום בעשטעטיגט אויף דער ישיבה וועלכע איז געוועזען זיין גאַנץ לעבען צו אקוואהל פון תורה ומדות טובות פאר דיא אלע תלמידים וועלכע האָבען זוכה גיוועזען דאָרט צו לערנען דער זכות פין דיא הייליגע צדיקים זאָל אונז בייַשטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אלעם גיטען און זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

זעהר

# זעהר אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם גרויסען בעוויסטען גאון ר' יום טוב ליפמאן זכרונו לברכה דער מחבר פון בערוהמטען ספר תוספות יום טוב וועלכעם איז געדריקט אין אלע משניות'ן:

אין דער צייט וואס דער בערוהמטר וועלטס גאון רבי יום טוב ליפמאן איז געוועזען רב אין קראקא איז דארט גיוועזען א גביר אגרויסער בן תורה אין אויך אגרויסער מתמיד ער איז געזעסען יומם ולילה אין גילערינט, אין מקיים אלע מצות מיט דעם גרעסטען מסירת נפש, עס איז איהם נישט שווער געוועזען אמצוה אפילו צו לו פען מיילען צו פיס, אין דרובער איז ער גירעכינט גיוואהרען פאר איינער אין שטאדט הן אין גבירשאפט הן אין לומדות והן אין פרומקייט, אבער איין פעהלער האט ער געהאט, וואס דורך דעם איז ער גיוועזען זייער פערהאסט אין שטאדט דאס קיינער האט ניט געוואלט מיט איהםריידען, נעמליך דאס וואס פיהל גבורים האבען דעם חסרון. קמצנות. דיא מדה רעה איז ביא איהם גיוועזען זייער איינגעווארצילט ער האט נישט געוואלט געבען קיין גראשען צדקה, אין טראץ דעם וואס ער פלעגט זיך בעמיהען אין יעדען דבר מצוה וויא עס איז אויסגעקומען צו געלט איז אונזער ר' שמעון שוין נישט געוועזען, אין דרובער האט די שטאדט איהם בעקריינט מיט דעם נאמען שמעון קמצאן, ווייל צו איהם זענען קיין גלייכקייט נישט געוועזען אין דער גאנצער שטאדט אין תורה און אין אנדערע מצות אויסער ווען עס האט זיך געהאנדילט וועגען געלט געבען דאמאלסט איז ער געלם געווארען אין מען האט נישט געוויסט וויא אהין ער איז אוועק געגאנגען, דרובער האט איהם דיא גאנצע שטאדט זייער פיינד געהאט:

אין דער זעלבער צייט איז אויך געוועזען אין גראדא איינער א קצב וועלכער האט נישט געהאט דיא אלע מעלות, ער איז גיוועזען א גאהר אפראסטער ער האט קוים גיעקענט דאווינען, אין לערנען האט ער אפילו קיין פרשה חומש מיט רש"י נישט גיקענט. אין ער איז אויך נישט גיוועזען קיין שטארקער מדקדק אין מצות אזוי וויא דער שטייגער פין רוב קצבים. אין איז אויך נישט רייך גיוועזען ער האט אפילו קיין

אייגעני

# התגלות הצדיקים

אייגענע דירה נישט געהאַט נאָר געוואָהנט אין אַ געדינגענע דירה אַגאַנץ בעשיידינע ווי אויך נישט קיין רייך מעבעל. אָבער עס איז געווען ממש צו באַווינדערען זיין צדקה געבין ער האָט אַלע ערב שבת אין ערב יום טוב גערטיילט אַלע נויטבעדערפטיגע פיש אין פלייש חלה אין וויין אַלעס פין בעסטען סאָרט. ווי אויך אַגיהעריגע סומע געלט אויף דיא רעשט צורכי שבת ויום טוב אין אַזוי בכלל אין אַלע וואָהלטעטיגע אָרגיניזאַציע האָט ער מיט זיינע נתינות פערנומען דעם אויבענאָהן ווייל וועלכע חברה עס האָט זיך נאָהר געזאָלט גרינדען איז צו דער ערשטער גרינדונגס פערזאַמלונג געווען דער קצב אין זיין נתינה איז געווען אַגרונד קאַפּיטאַל פין דער חברה, אין אַלע האָבען בעווינדערט פין וואַנען נעמט דאָס דער אָרימער קצב אַזוי פיעל צדקות צו טיילען, נייגעריגע מענטשען וועלכע האָבען שטענדיג ליעב צו וויסען וואָס ביי יענים טהוט זיך האָבען אַפילו נאָך געפאָרשט ווילכע וואָכען צייט זיין שחיטה האָבען זייא איבער גירעכינט דאָס אַפילו ער זאָל אַוועק געבין דאָס קרן נישט בלויז דעם ריוח וואָלט אויך נישט גענוג גיוועזען אַזוי פיהל צדקה צו טיילען, אין איבער הויפט איז זייא זייער ווינדערליך פאָהר געקומען, דאָס ווען דער קצב האָט געמאַכט חתונה אַקינד האָט ער גיגעבין גאָהר אַקליינעם נדן אין אויך די הלבשה ווי בכלל די גאַנצע חתונה סעודה איז גיוועזען גאַנץ קאַרג אַזוי וויא עס שטייט אָהן ל׳יט זיינע גישעפטען אין שוואַכע פערדינסטען :

אָבער וויא זאָגט דיא וועלט, הימעל אין ערד האָבען געשוואָהרען דאָס קיין שום זאַך זאָל קיין סוד נישט בלייבען איין זאַך ווערט מען פריהער געוואָהר אין אַצווייטע שפּעטער אָבער געוואָהר ווערען מיז מען אַלעס. אין אַזוי איז אויך פאָר געקומען מיט דער שמעון קמצן וויא מען האָט איהם גערופען אין דער גאַנצער שטאָדט . געמליך דער שמעון קמצן איז געשטאָרבען גאָהר פלוצלונג. ס׳הל האָט זיך געגומען מיט איהם אָברעכענען אַזוי וויא עס דאַרף צו זיין. קודם כל האָט מען אָהנגעבאָטען אַגרויסע סומע געלט אויף דעם הקדש. אויף דער תלמוד תורה אויף אַנדערע שטאָדט זאַכען וועלכע ער האָט ביים לעבען נישט געוואָלט שטיצען מיט אַגראָשען, העדשט חברה קדישא. אויף אָרימע נפטרים. קרקע געלט, אין אַזוי גלאַט געלט, ואחר כל אלה, האָט מען זיך העדשט גענומען צו דעם בר מינן אַליין . ביי דער טהרה

האָט

האט יעדען איינער געזאגט זיין ווערטעל אויף דעם נפטר און מען האט איהם מבזה געוועזען מיט כל מיני בזיונות. דערנאך האט מען הערשט געמאכט אנאסיפה פין חברה קדישא און עס איז געבליבען אז למען ישמעו ונוראו. עס זאל זיך נישט דערוועגען נאך אזוי אגביר צו גיין און שמעון קמצנס וועג זאל מען איהם קובר זיין אויף אגייע קרקע הארט לעבען פארקאן. און עס זאל פערשריבען ווערען אין פנקס דאס דער מענטש איז גיוועזען אגרויסער תלמוד חכם און אמדקדק במצות נאהר וויל ער איז געוועזען אגבור און האט קיין צדקה נישט געוואלט געבען האט מען איהם געקרייגט מיט דעם נאמען קמצן און בעהאלטען לעבען פארקאן, כך הוה. חברה קדישא האבען זייער דאויגען בעשלוס אויסגעפיהרט. און איהם טאקע קובר גיוועזען ביים פארקאן:

אבער דאה איז פאהר געקומען אווינדערליכע ערשיינונג, באלד דעם ערשטען פרייטעג נאך דעם וואס שמעון קמצן איז געשטארבען, האט דער קצב דער גרויסער בעל צדקה אויפגעהערט צו טיילען דיא ארימע לייט חלות און פלייש וויא אויף אלע צורכי שבת, וויא זיין מנהג איז שטענדיג גיוועזען. האט ער אויפגיהערט צו געבען, און גיוועהנליך האט יעדער מענטש און עפיס אהנצוהעגען דאס דערפאר האט דער גרויסער נדיב און בעל צדקה אויפגיהערט איהם צו שטיצען. און דרובער האבען זייא געזוכט עפיס אפראטעקציע דורך איהר צוריק צו געווינען דאס גיטע הארץ פון דעם קצב. דאס ער זאל נישט אבטהון זיין חסד פין איהם און איהם ווייטער שטיצען אזוי וויא ביז היינט, אבער ווער קען דאס זיין דיא פראטעקציע צו דעם קצב, איז יעדען איינגעפאלען דעם זעלבען חשובען מענטש וועלכער איז געוועזען אנאמתר מענטשען פריינד אהן אונטערשייד אבעל מלאכה צו אסוחר, אפילו דער פראסטיטסטער מענטש, דאס איז גיוועזען דער גרויסער גאון און צדיק דער תוספות יום טוב וועלכער איז גיוועזען דאמאלסט קראקאווער שטאדט רב יעדער איינציגער איז אריינגעגאנגען צום רב און געשילדערט פאר איהם זיין ביטערע לאגע און דאס כמעט זיין גאנצע האפענונג איז נאהר גיוועזען אויף דעם קצב'ס שטענדיגע שטיצע און יעצט אז דער קצב זאל איהם טאקע נישט שטיצען קומט איהם חס ושלום אויס דאס ער מיטן ווייב און קינדער זאלען אומקומען פין נויט. און דרובער זאל דער רב פאר איהם בעטען בייא דעם קצב, און אויב מען האט אויף איהם אהנגעמאסערס דאס ער גויטיגט זיך נישט איז קיין שטיצע איז דאס

גאהר

# ההגלות הצדיקים

באָהר פין וועלכען שונא, זעָלבסט פעָרשטענדליך דאָס דער רב האָט איהם צו געָזאָגט צו ריידען מיט דעם קצב אין פויעלען ביי איהם אלעס וואָס וועָט נאָהר מיגליך זיין אין דער יוניגעָר איז אוועק געגאנגען מיט אפריילעך הארץ דאָס פאַר געוויס וועָט דעָר רב פויעלען בייא דעם קצב דאָס ער זאָל איהם צוריק אָנהייבען צו שטיצען, ווייל ער וועט זיכער גלויבען דעם רב אז דיא אַלע מסירות וועלכע מען האָט אָהנגעמאַסעָרט אויף איהם זעָנען ליגעָנט :

אָבעָר דער רב דער תוספות יום טוב וועלכען אַלעָ האָבעָן דעם זעלבעָן סוד עָנטדעקט איז זייער פערוואינדעָרט געוואָהרען ווייל עָר האָט פערשטאַנען אז דאָה איז עָפיס פערהאנדען אמיספערשטינדעניש אין נישט דער קצב איז גיוועזעָן דער ווירקליכעָר בעל צדקה אַזוי וויא אַלעָ האָבען געמיינט ביז אַהער, נאָהר אַצווייטער, וועלכעָר האָט זיך נישט געוואָלט ביז היינט בעוויסט מאַכען. אין יעָנער איז שוין מעהר דאָה נישטאָ ווייל עס לאָזט זיך נישט גלייבעָן דאָס אויב דעָר קצב זאָל גיוועזען זיין דעָר ווירקליכעָר גוטן וואָלט עָר אָהן קיין שום סיבה מיט אמאָהל נישט אָבגישטעלט זיין וואַהלטעטיגקייט דרובעָר האָט עָר בעשלאָסען דעם קצב צו שיקען רופען אין פין איהם געוואָהר צו ווערען דיא ריכטיקייט פין דעָר זאך, דעָר רב האָט תיכף בעפויהלעָן דעָם שמש ער זאָל אריבעָר גייעָן צו דעם קצב דעם גרויסעָן אין בעוויסטען בעל צדקה אין איהם בעָטען פאַר זיינעָט וועָגען דאָס ער זאָל זיך מטריח זיין אין קימעָן אויף דעָר נאַכט דעָר רב ברויכט איהם וועגען זייער אַוויכטיגע זאך. דער קצב איז אויף דעָר נאכט אריין געקומעָן צום תוספות יום טוב דער רב פרעָגט איהם זאָגט מיר וואָס איז דיא אורזאַכעָ וואָס איהר האָט אויפגיהעָרט צו שטיצען איידעָר שכן חיים אליעזר׳לס איהר ווייסט דאָך דיא גרויסעָ נויט וואָס הערשט בייא איהם אין שטיב. דעָר רב האָט ספעציעל נישט געוואָלט מיט איינמאָהל איהם פרעָגעָן פאַרוואָס ער האָט אָבגישטעָלט דיא גאַנצע וואָהלטעָטיגעָ אקציע. כדי ער זאָל זיך נישט געפינען בעליידיגט אויף דעָם וואָס מען האָט איהם פערמאַסערט פאַר דעם רבי אָבער דער קצב אי׳ געוועזען גאַנץ אָפען הערציג, אין ער האָט גישטעלט דעם רב אגרעסערעָ פראַגעָ פאַר וואָס פרעגט ער איהם פונקט אויף זיין שכן חיים אליעזר׳לס ער האָט דאָך אויפגיהערט גענצליך זיין צדקה פעָרטיילונג, נו, אדרבה זאָגט דעָר רב איך האב נישט געוואָלט

אזוי·

אזוי פיהל פרעגען אבער אז איהר פרעגט זאגט זשע איהר פערוואס דער קצב האט אנגעהויבען אזוי וויא דער שטייגער פין אפראסטען יוד איהר זאלט וויסען הייליגער רבי דאס דיא גאנצע צייט וואס איך האב געטיילט צדקה איז דאס נישט געוועזען קיין איין פרוטה מיינע איך בין דאך אנארימער קצב פין שטענדיג אהן אזוי ווי דער הייליגער רבי ווייסט, נאהר דער נישט לאנג פערשטארבינער גביר ר׳ שמעון ער פלעגט מיר אלע מאהל דרויף צו געבין געלט איך זאל כל זמן ער וועט נישט זיין בעגראבען זאל איך קיין שום מענטש דערפין דערציילען אפילו מיין אייגען ווייב אין קינדער ווייסען דערפין נישט אין יעצט וויא ער איז בעשטארבען האב איך שוין אויפגיהערט צו בעקומען געלט אין דרובער האב איך אבגישטעלט דיא שטיצע, דער הייליגער תוספות יום טוב איז דערפון שטארק איבעררעשט געווארען דאס אמענטש זאל זיך קענען אזוי לאנג פערבארגען אז קיינער זאל נישט וויסען דאס ער איז אזוי אגרויסער בעל צדקה אין זאל וועלען ליידען אזוי פיעל חרפות אין בושות אין ער האט דעם קצב געדאנקט פאר זיין קומען אין איהם אהיים געשיקט, צומארגינס האט דער רב געמאכט אגרויסע אסיפה אין ער האט פאר דעם גאנצען עולם דערציילט דאס וויכטיגע נייעס וואס ער איז נעכטען ביי נאכט געוואהר געווארען פין דעם אזוי געריפענעם שמעון קמצן אין ביי דעם גילעגענהייט האט ער איהם געמאכט זייער אגרויסען הספד דאס אלע אנוועזענדע זענען פין זיינע ווערטער שטארק גערוהרט געווארען אין ער האט פארגעשלאגען דאס אין פנקס זאל מען צו שרייבען צו דעם נאמען שמעון קמצן אויך דאס ווארט קצב דאס איז ראשי תיבות ק׳יים צ׳דקה ב׳סתר אין פערשרייבען די גאנצע מעשה ביי וואס פאר אומשטענדען דיאביידע נעמען קמצן אין קצב זענען איהם גיגעבען געווארען, דאס גאנצע פערזאמלונג האט דערצו מסכים גיוועזען אין מען האט אזוי פערשריבען אין פנקס, דער זכות פון דיא צדיקים זאל אונז ביי א שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין מיר זאלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן

# התגלות הצדיקים

## א ווינדערליכע ערצעהלונג פון רבין ר' שמעלקי זי"ע :

סאַ'ין אַ מאָהל נגזר גיוואָרן אַ שלעכטו גזירה פונ'ם מלכות, בשעת דער רבי ר' משה לייב האָט גילערענט ביי זיין רבי ר' שמעלקי און ניקאָלסבורג. איז גיפאָהרין דער רבי ר' שמעלקי מיט זיין הייליגין תלמיד דער רבי ר' משה לייב ז"ל קיין ווין צום קיסר אויף אוידיענץ. ווי זיי זענען געקומען שוין אונטער ווין האָבען זיי זיך באַדאַרפט אריבער שיפען דאָס וואַסער דאַנוי. דעמאָלט איז אבער גוועזין גראַדי דער אייזגאַנג וואָס אז דער צייט קען קיין שום שיף אויף קיין וואַסער נישט גיהן. ווייל דאָס אייז האָט זאָפאָרט די שיף צובראָכין, דער טערמין פונ'ם רעכטסקרעפטיגקייט דער גזירה איז אָבער שוין אָנגעקומען, און אין פאַלס זיי וועלען דעם אוידיענץ נישט אָבהאַלטען וועט שוין אַזוי פערבלייבען, דאַדורך האָט דער רבי ר' שמעלקי ז"ל גהייסען אַ שיפער ער זאָל נעמען אַ קליין שיפעל וואָס עס קענען און דעם נאָר צווי מענטשען זיצען, אין דער ר"ש מיט זיין תלמיד ר' משה לייב זענען אריין געגאַנגען און דעם שיפעל שטייענדיג, באַלד האָט דער רבי ר' שמעלקי אָנגעהויבען די שירה וואָס יודען האָבען גיזאָגט אז זענען אריבערגעגאַנגען דעם ים און זיין תלמיד דער רבי ר' משה לייב ז"ל האָט איהם נאָכגיזאָגט יעדעס וואָרט, אין אַזוי האָט זיך דאָס שיפעל דורך געשיפט צווישען די שטיקער אייז, פון יענער זייט דאַנוי און היינט זענען גישטאַנען פיעל מענשין און האָבין געקוקט אויף דעם וואונדער ווי דאָס שיפעל ריקט זיך שווישען אזעלכע ריזענשטוקער אייז וואָס קענען די שטאַרקסטי מויערן איינברעכען. און דערצו נאָך שיפט דאָס שיפעל אריבער צווי פערזאָגען אין אזא גרויסען געפאַהר. גאַנץ ווין האָט געריש'ט מיט דעם וואונדער ביז עס איז דאָס קול אויף צים קייסר אָנגקומען, אין דער קיסר אליין איז ארויס גיפאָהרין מיט זיינע אלע מיניסטאָרען אזוי וואונדרליכע סצענע בייצוואָהנען, ווי זיי זענען ביידי, דער רבי ר' שמעלקע מיט זיין תלמיד ר' משה לייב צום קיסר אויף אודיענץ אריין געקומען, האָט ער זיי זעהר שטאַרק באַטראַכט איז האָט תיכף די גזירה מבטל גיוועזען אזוי ווי זיי האָבען פערלאַנגט, זי"ע :

---

# דאס התגלות פין דעם ראַדאָמסקער רבי'ן דעם תפארת שלמה:

נאָך דעם וויא דער רבי ר' שלמה דער מחבר פון ספר תפארת שלמה
איז געוועזען עטליכע יאָהר רב אין ראַדאָמסק האָבען אָהנגעהויבען
צוא קומען צוא פאָהרען חסידים פין דיא ווייטסטע געגענדען אין לאַנד
מיט זייערע בקשות אין עס האָט געשטראָמט מיט קוויטלעך אין פדיונים
אין אָבוואָהל ער האָט זייא נישט געוואָלט אָהנעמען אין ער האָט פשוט
זייא נישט געלאָזט זיין שוועל איבער טרעטען, האָבען זיך דאָך אַלע
מאָהל פערזאַמעלט פיעל מענטשען אין זייא האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט
ווען ער איז געגאַנגען דאַווינען אין פיעל מאָהל האָבען זיך אָבגעשפיעלט
האַרצרייסענדע סצענעס פין מענטשען וועלכע האָבען זיך דאָרט אַרום
געדרייט גאַנצע חדשים אין האָבען געחלשט אין געוויינט ביז ער האָט
זיך שוין נישט גיקענט פין זייא אָביאָגען אין ער האָט זייא צוא
געזאָגט אַז השי"ת וועט זייא העלפען, אין דאַמאָלסט איז אַלעס וואָס איז
אַרויס געגאַנגען פין זיין הייליג מויל מקוים געוואָהרען, אָבער ער
האָט זיך גיבעטען בייא זייא דאָס זייא זאָלען קיינעם דערפין נישט
אויס זאָגען אין זייא זאָלען איהם נישט בעצאָהלען מיט קיין שלעכטץ
פאַר דעם גוטעס אין זייא זאָלען איהם נישט גורם זיין קיין ביטול
תורה ועבודה, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען זיינע בעטעכצין אין
בייזערען דער עולם חסידים איז געוואַקסען פין טאָג צוא טאָג. עס
האָט אפילו נישט געהאָלפען וואָס ער האָט זייא געזאָגט דאָס עס איז
פערהאַנדען פיעל גרעסערע פין איהם אין אַזעלע וועלכע קענען באמת
פועל ישועות זיין. פאַרקערט זייא האָבען נאָך מעהר זיך איינגעשפאַרט
דאָס ווען ער ווייסט פין די בעהאַלטענע צדיקים איז אַסימן דאָס ער איז
אויך פין זיי. אין אויב ער וויל באמת זייערע טובות זאָל ער זיי זאָגען
פין אַזעלכין וואָס ער קען פועל ישועות זיין וועלען זייא פין איהם
אָבטרעטען:

אייןמאָהל האָט ער זייא געזאָגט דאָס זייא זאָלען פאָהרען צוא זיין
חבר דער גרויסער גאון אין צדיק ר' יעקע'לע דער
ווידאַמער רב ווייל ער איז אַגרעסערער צדיק אין אַהייליגער מענטש
וועלכער דינט השי"ת מיט אמת'דיגער מסירות נפש נאָך פין דער יוגענד.
אין

# התגלות הצדיקים

אין דורך האט ער זייא דערציילט אווינדערליכע געשיכטע פין זיין
חבר דעם גרויסען צדיק דער ווידאמער רבי וואס איז פאהר געקומען
ווען זייא זענען ביידע בעוועזען יונגע לייט אין זענען געפאהרען צום
היילינגען צדיק דער רבי ר' ישעי'לע זכרונו לברכה קיין פשעדבורז,
אזוי וויא עס איז דאמאלסט גיוועזען דער שטייגער פין חסידישע יונגע
לייט דאס זייא פלעגען צוא פאהרען צום רבי'ן אין דארט זיצען גאנצע
חדשים אזוי פלעגט אויך אין פשעדבורז ביים רבי'ן שטענדיג זיין
אפיהל בית מדרש יונגעלייט וועלכע פלעגען זיצען יום ולילה אין
לערנען צווישען זייא האבען מיר זיך אויך געפינען איך אין דער
הייליגער ווידאמער רב, דאס איז געוועזען נאך סוכות. זענען מיר
אזוי גיזעסען א חברה יונגע לייט אין געלערענט מיט גרויס התלהבות,
פלוצלינג האט דער ווידאמער רב גיגעבען אקוק אין גיזעהן אז עס
איז שוין נאך האלבע נאכט. האט ער זיך אויפגישטעלט אין געזאגט
ציא דער חברה ווער פין אייך גייט זיך טובל זיין אין דער פיליצע
דער טייך פיליצע גייט אין פשעדבורז נאהנט פין דעם בית מדרש
אבער עס האט זיך קיינער פין דיא יונגע לייד נישט מתנדב גיוועזען
אין דער קאלטער צייט צוא גיין אין טאך טובל זיין האט דער
ווידאמער רב געזאגט צוא מיר שלמה ברודער דיא ווייסט פאר געוויסט
מיט מיר מיט גיין זיך טובל זיין יעצט נאך חצות אין דעם טייך,
אבער אויך איך האב איהם דאס אבגעזאגט, פינדעסטוועגען אין ער
נישט אבגעקוהלט געווארען פין זיין השתוקקות צוא ציהן אויף זיך
א רוח קדושה וטהרה דורך דער טבילה, אין ער האט צוא אונז געזאגט
אויב איהר ווילט נישט גייען וועל איך אליין גייען אין אזוי נאגענדיג
האט ער פערלאזט דאס בית מדרש. אין איז אייבער אליין געגאנגען
צום טייך טובל זיין, אבער דאה האט זיך איהם געטראפען אנאומגליק
אזוי וויא ער האט זיך אויס געטהון אין אנידער געלייגט דאס פעקיל
אהנטהון, האט ער גיזעהן ווי עס איז דארט גיזעסען א מענטש אין
געהיטען דאס האלץ וואס מען פלעגט אוועק שיקען אויף דער פיליצע.
אין אזוי וויא ער איז אריין געגאנגען אין דעם וואסער אריין האט
זיך דער סטרוז אינטער געשאהרט אין ער האט דאס פעקיל אהנטוען
צוא געגאנבעט:

**וויא** ער איז צוריק ארויס געגאנגען פין וואסער האט ער דער זעהן
דאס גרויסע אומגליק וואס האט איהם געטראפען, דאס ער אין
געבליבען

בעבליבען אנאַקיטער אין וויא וועט ער אַזוי נאַקעטערהייט לויפען אין שטאָדט אריין. ער האָט זיך אַנידער געזעצט אַביסעל טאָמער וועט וועלכער מענטש אַדורך גיין אין ער וועט דאָס מיט איהם צוא וויסען טהון דער חברה יונגע לייט וועלען זייא איהם עפּיס ארויס ברענגען אָהן צוא טוהן. אָבער ער איז אַזוי גיזעסען אווייל אין ער האָט קיינעם נישט גיזעהן אַדורך גיין. דערווייל איז איהם גיט קאַלט געוואָהרען וויל נאָך סוכות איז דאָך בייא נאַכט שוין קאַלט אין בפרט נאָך אנאַקיטען נאַסען מענטש, ער האָט אָהנגעהויבען זייער ביטער צוא שרייען, אָבער לײדער האָט זיך קיינער אויף זיינע הילף רופען נישט אָהנגערופען. ווייל עס איז געוועזען שפעט בייא נאַכט. נאָהר דאַמאָלסט האָט מען פין הימעל אונז מעורר גיוועזען און עס אונז אייגעפאַלען איבער צוא קלערען היות עס איז שוין עטליכע שעה דאָס ער איז בעגאַנגען צום וואַסער איינער אַליין אין ער איז נאָך נישט דאָה צוריק חער ווייסט צוא עס האָט זיך איהם חס ושלום נישט געטראָפען קיין אומגליק. אין מיר האָבען זייער חרטה געהאַט דרויף וואָס מיר האָבען איהם געלאָזט גייען אַליין. דרובער האָבען מיר זיך צונויף גענומען עטליכע יונגע לייט פון זיינע בעסטע ידידים אין מיר זענען געגאַנגען צום טייך געוואָהר ווערען וואָס עס איז דאָרט מיט איהם פאָהר בעקומען. אין וויא מיר האָבען זיך דערנעהנטערט האָבען מיר גיהערט זיינע געוואַלטען אין פערצווייפעלטע הילפס רופען, זענען מיר תיכף צוא געלאָפען צוא איהם אין דאָה האָט זיך פאַר אונז דערפלעקט דאָס גרייליכע בילד, ער איז גילעגען איינגיקאָרציט אין געציטערט מיטען גאַנצען קערפער. נסים וויא דיא בשמה האָט זיך אין איהם נאָך דערהאַלטען, האָבען מיר איהם יעדערער גיגעבען וואָס מיגלעך עס איז גיוועזען איינער אַ קאַפעל. דער צווייטער אַ טלית קטן. אין אַלע מלבושים וואָס עס איז דערווייל מיגלעך גיוועזען. אין געבּרענגט אין בית מדרש אַריין דאָה האָבען מיר גיט אייגעהייצט דעם אויווען אין אויך געמאַכט הייסע טעה אין איהם גיגעבען ביז ער איז געקומען צוא זיך. דעם אַנדערען טאָג האָט דיא גאַנצע שטאָדט פועדבורז געקאָכט מיט דער מעשה וויא דער יונגער מאַן האָט זיך מוסר נפש גיוועזען צוליב טבילה כדי ער זאָל אויף זיך מקבל זיין אַרוח קדושה וטהרה, אין דרובער האָב איך געמיינט דאָס נאָך דער מעשה פין דער מסירת נפש'דיגער טבילה וועט מען דעם ווידאַמר רב אָהנהענגען

דאָס

# התגלות הצדיקים

דאס גלעקעל, אין דערווייל האט מען דאס גאהר מיר אהנגעהאנגען. פאר וואס נישט איהם, אין דרובער זאג איך אייך דאס איהר זאלט גייען צוא איהם מיט דיא קוויטעס אין פדיונים ער וועט אייך געבער קענען העלפען. עס איז גיוועזען מענטשען וועלכע האבען איהם טאקע געפאלגט אין זענען געפאהרען קיין ווידאמע אבער וויא דער רבי ר׳ יעקע׳לע ווידאמער האט זייא דערזעהן האט ער זיך אויף געהויבען אין ער איז אליין אויך מיט זייא מיט געפאהרען צוריק קיין ראדאמסק:

דער תפארת שלמה דערזעהנדיג זיין יוגענן חבר האט פאר איהם אויסגעגאסען זיין ביטער הארץ דאס ער קען זיך נישט אב יאגען פון דיא חסידאקעס אין ער ווייסט נישט וואס זייא ווילען און בייא טאג אין בייא נאכט דערקוטשען זייא איהם אין זענען איהם מבטל פון תורה ועבודה אין וואס וועט זיין דער תכלית דערפון, עס איז איהם גאהר קיינמאהל נישט איינגעפאלען צוא בעטין דרויף אז מען זאל איהם לאזען במנוחה דינען השי״ת. אין ער איז מקנא דעם ווידאמער רב וואס איהם איז יאה איינגעפאלען צוא בעטען דרויף אין ער האט טאקע געפועלט אין הימעל, דאס מען האט אב געלאזט אין ער דארף נישט זיין פערנומען מיט דיא חסידים מיט דיא קוויטעס אין פדיונים. נאהר זיצט זיך אין לערינט יומם ולילה, אהן שום שטערונג. האט איהם דער ווידאמער רב גיענטפערט דאס ער זאל נישט יאגען דיא חסידים ווייל עס איז אזוי א גזירה מן השמים דאס ער זאל זיין אמנהיג הדור אין פועל ישועות זיין פאר יודען, אין אויף דעם זאגט דער תנא אין אבות בטל רצונך מפני רצונו. דאס הייסט דיא זאלסט שטעלען העכער דעם רבונו של עולם פערלאנג פון דיינעם. אין דער רבונו של עולם פערלאנגט דאך דיא טובה פון כלל ישראל טאהר מען זיך נישט אקייגען שטעלען, פון דאמאלסט אהן האט ער שוין דיא חסידים נישט געיאגט אין פאר זייא שטענדיג פועל ישועות גיוועזען זיין זכות זאל אונז ביישטיין מיר זאלען זוכה זיין צו דער אמת׳דיגער ישועה במהרה בימינו אמן:

# דיא יוגענד פון דעם הייליגען צדיק הקדוש רבי ר' משה ליב:

אין זיינע יונגע יאהרען פלעגט ער תמיד ביז שפעט ביי נאכט זיצען און לערנען תורה, דער נאך פלעגט ער זיך איבער צוא טהון אנדערע קליידער. אין געהן אין שענק אריין דארט וויא ער האט גיטראפען אלע וואהלע יונגען אלע פערשווארטע פערשווינדליך עסק. טרונקען. הוללען. טאנצען, שפרונגען, דער צוא נאך אין קארטען שפילען האט זיך דער הייליגער רבי ר' משה ליב אויך צעווישען זייא א גידער ביזעטצט. אין בעזונגען מיט זיין טייער קול אין גיטאנצט מיט זייא צוא זאמען, נאהר אז זייא האבען גיוואלט א גראבע עבירה טהון האט ער זייא אבגעראטען אזוי לאנג ביז זייא האבען איהם גיפאלגט. דער נאך שוין פארע טאג פלעגט ער אהיים געהן אין זיך איבערטהון זיינע גיוועהנליכע קליידער. אין געהן דאווינען אזוי האט ער פיעל נעכט פערבראכט, אין האט דיא לעב יונגען מציל גיוועזען פון חטאים, דאס האט איהם דערצו נאהר זיין שטארק אהבת ישראל גיבראכט צוא פערהיטען נאך זיין מעגליכקייט א יודיש נפש זאל חס ושלום אין יצר הרע'ס נעטץ נישט אריין גיחאפט ווערען. שפעטער מיט אפאהר יאהר ווען דער רבי ר' משה ליב ז"ל איז א גרויסער צדיק מפורסם גיווארען אין אויף יעדען שבת איז גיוועזען הונדערטער פערשוין ביי זיין טיש. איז אמאהל צווישען עולם געקומען איינער פון דער חברה וואס ער פלעגט מיט זייא צוא זאמען ביי נאכט אין שענק זינגען אין טאנצען, דער גיוועזענער גוטער ברודער זיינער האט נאהר אויף איהם דעם ערשטען בליק געטהון אין האט דעם רבי'ן תיכף דערקאנט, דאס איז ער האט ער צוא זיך גיזאגט איך דערקאהן איהם גאנץ זיכער אז ער איז דאס וואס ער האט מיט מיר צוא זאמען דורך דיא נעכט בעהולעט און שענק געזונגען. גיטאנצט. גלייך מיט מיר, אזוי וואס פאר א'עולם השקר איז דיא וועלט, האט ער ביי זיך אין זיין הארץ גיטראכט, א יונגער מאן וואס האט מיט מיר צוא זאמען תמיד ביי נאכט אין שענק געהולעט. געזונגען אין געטאנצט. קען אזוי פיעל מענטשען פערנארען נאהר וויא ער האט אבער ביסליכווייז זיין חכמה מיט זיין תורה ערפאהרען, זיינע מעשים טובים גיהערט, זיין אהבת ישראל. וויא

וייט

ווייט ער זיך מוסר נפש גיווען פין זא יודי'ס וועגען, האט ער זיך שוין זיין קשיא פערענטפערט, אין צוא זיך אליין גיזאגט. אצונד פערשטעה איך ערשט זיין קומען צעווישען דיא הוליאקעס אין שענק אריין, זיין זונגען. זיין טאנצען דארט איז א פניה נאהר גיווען כדי אונז דעמאלס מציל צוא זיין מיט זיין גרויסער חכמה פון חטאים וואס מיר וואלטען דארט גיווען גיטאהן. נאך דעם אמת'דיגען געדאנק וואס האט פלוצים אין זיין מוח אמת'דיג אריין גישיינט איז ער תיכף צוא גיגאנגען צום רבי'ן ר' משה ליב ז"ל. מיט א גרויסער שמחה זאגענדיג צוא איהם, טויזענד מאהל דאנק איך אייך פאר דעם וואס איהר האט מיך פון טויזענדער עבירות מציל גיווען. איהר זאלט נאהר לאנג לעבען פאר אייער חכמה פאר אייער צדקות פאר אייער אהבת ישראל איך האב ערשט יעצט רבי לעב פערשטאנען אייער צוזאמענקומען מיט אונז אין שענק אריין אין אייערע יונגע יאהרען זי"ע:

---

## דאס אפרעכטען חצות פון רבי'ן ר' משה ליב זי"ע:

פון דיא צוויא מנהגים האט דער רבי ר' משה ליב זצ"ל זייער שטארק געהאלטען אז ער ארויסגעגאנגען גאנץ פריה איז ער זיך דורך געגאנגען דיא גאס שאקלענדיג מיט זיין קאפ צוא יודען אדער להבדיל צוא ערלים גיט מארגען. גיט מארגען, קיין אייניציגער מענש האט נישט געקענט זיך מקדים זיין איהם קודם צוא זאגען גיט מארגען. נאהר ער פלעגט תמיד זיך מקדים זיין און האט קודם יעדען מענש גיט מארגען געזאגט. אזוי וויא דיא היילגע גמרא זאגט. דער צווייטער שטארקער מנהג זיינער איז געווען, חצות לילה, אלע האלבע נאכט גראדע זייגער צוועלף ביי נאכט פלעגט ער תמיד זיך אויפחאפען וויא א לייב מיט זיין שטארקהייט ער האט געזאלט זיין וויא מיד און שלאף און אבגעמאטערט. האט ער נישט פערפעלט איין נאכט זיך אויף צוא האפען און אויפצושטעהן פונקטליך און דער רגע זייגער צוועלף ביי נאכט אבצורעכטען חצות מיט גרויס געוויין, מען האט ממש געזעהן אז דיא שכינה הקדושה האט איהם פון זיין שלאף אויפגעוועקט. אמאהל איז דער היילגער רבי ר' משה ליב ז"ל ביוועזען און ברידש
האבען

האָבען דיא חסידים זיינע געשמיסט צווישען זיך פון דער קדושה. אין הייליגע דרכים פון זייער הייליגען רבי'ן ר' משה ליב אין האָבען אויף איבער געשמיסט פון דיא צווייא הייליגע אין טייערע מנהגים זיינע פונ'ם ניט מאָרגען און פונם חצות לילה אויפשטעהן דערבייא איז אויף גישטאַנען דער גרויסער בראָדער גביר ר' יודיל נאַטינזאָהן, האָט דער גביר בייא זיך זעהר געלאַכט און געשפעט פון זייערע רייד, אין האָט בייא זיך אָבגעפּאַסט אין זיינע גידאַנקען זאָגענדיג צוא זיך אליין איך פין זייא מאָרגען אי"ה איבערצייגען זייערע שקרים און זייערע ליגען'ס דעמאָלט איז געוועזען שבת פרייטאָג צוא נאַכטס. דער ר' יודיל האָט א גאַנצע נאַכט געקלעהרט. שבת אין דער פריה האָט ר' יודיל בעזעהן געהן דעם רבי'ן ר' משה ליב פון דער מקוה שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּף אין זאָגענדיג יודען אויף להבדיל ערלים גיט מאָרגען, גיט מאָרגען, אָדער גיט שבת, און קיין איינציגער האָט איהם קודם נישט גיקענט זאָגען. נאָהר ער האָט אלץ יעדען קודם גיזאָגט. אזוי וויא זיין מנהג איז גיוועזען. האָט דער ר' יודיל גישוקט זיינע צווייא פערשוינען זייא זאָלען געהן אונטערווייליכץ לאַנגזאַם אין שטעל אינטער דעם רבי'ן ר' משה ליב אזוי אז דער רבי זאָל נישט דע' שפירען זייער גאַנג און זייער טריט. אין זאָלען פלוצים געבען א געשרייא אין זיינע אויערען גיט שבת רבי. דיא מענשען ר' יודעל'ס האָבען אזוי געטהון אין געהן איך לאַנגזאַם און שטול, אונזער ר' יודיל שטעהט און קוקט פין דער וויטענס. וויא ערשטוינענד אָבער איז אונזער ר' יודיל געבליבען שטעהן, זעהענדיג פון דערווייטענס אז נאָך איין רגע האָבען דיא מענשען בעדאַרפט צוא צוגעהן ביז צום רבי'ן ר' משה ליב'ס פּלייצעס. האָט זיך דער הייליגער רבי ר' משה ליב גיגעבען א דרעה אויס זאָגענדיג גיט שבת, האָט שוין דער ר' יודיל געזען אז דאָס איינע איז אמת ער קען נישט לייקענין וואָס זיינע אויגען האָבען גיזעהן יעדאָך האָט ער זיך געפריווט אָבלייקענען, אין דעם שקר איבער צוא צייגען וועגען זיין חצות אויף שטעהן, איז איהם איינגעפאַלין א שפיקאָלאַציע און האָט פארגעברייט א גרויסע סעודה אין פערבעטען דעם רבי'ן ר' משה ליב ז"ל צוא זיך אויף דער סעודה אין האָט איהם גיגעבען שטאַרק אַלטען וויין צוא טרונקען צוואַר דער רבי ר' משה ליב האָט ר' יודליס כוונה גיט פערשטאַנען ער זאָל זיך פערטרונקען, אין פערשלאָפען דיא צייט פון חצות לילה יעדאָך האָט

דער

# התגלות הצדיקים

דער רבי ר' משה ליב זיך נישט אָבגעזאָגט פונ'ם טרונקען, דער צוא האָט דער ר' יודיל איהם אין דער נאַכט פער שטוסט ביז וויינגער עליף. גראָדע וויינגער עליף האָט זיך דער רבי ר' משה ליב ד"ל געלייגט שלאָפען, דער ר' יודיל האָט זיך ארום געדרעהט צוא זעהן וואָס הייבט ווען דער סוף זיין מיט דעם רבי'ן ר' משה ליב'ס חצות אויפצושטעהן אפאָהר מינוט פאַר צוועלף א וויינגער האָט ר' יודיל גיזעהן וויא דער רבי שלאָפט זעהר געשמאַק אזוי וויא נאָכ'ן טרונקען אזוי אלטען וויין. דעמאָלט האָט זיך אונזער ר' יודיל בעקלעהרט נאָך א פאָר מינוט ווער איך זייא שוין איבערצייגען זייערע שקרים, נאָך א פאָהר מינוט ווער אהנגעקומען פון חצות לילה פונקטליך וויינגער צוועלף האָט זיך שוין דער הייליגער רבי ר' משה ליב פון דעם אלטען וויין טרונקען גענוג אויס געשלאָפען, אין האָט זיך אזוי וויא זיין מנהג איז גיוועזען מיט א שטאַרק צוטערניש אויף געהאָפט פון זיין געלעגער, אין תיכף אויפגעשטאַנען און מיט א צובראָכען הארץ גיזאָגט דעם תקון חצות. דעמאָלט האָט שוין ר' יודיל זיינע געדאַנקען געצליד פערלוירען איז האָט מודה גיוועזען על האמת:

---

# וויא דער רבי ר' משה ליב באַשערעמט אַ יוד פון זכרען טוידט:

פרייטאָג צוא נאַכטס דער רבי ר' משה ליב שטעהט זיך אָהנגעטוהן זיינע ווייסע שבתדיגע קליידער איינגעהולט אין א טלית פאַר'ן עמוד. אין האָט נאָהר וואָס פון זיין הייליג מויל ארויס גיזאָגט דעם פסוק „הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו" פלוצים האָט ער פון זיך אראָבגיוואָרפען געשווינד דעם טלית מיט די בגדי שבת אין זיך אָהנגעטוהן דיא וואָכידיגע קליידער. אין לויפט זעהר מיט א גרויס גלויף פון דער שוהל ארויס. אלע חסידים האָבען דיא זאַך זעהר בעוואָנדערט, אין זענען איהם אלע נאָכגעלויפען ביז אונטער דער שטאָדט. דאָרט האָט ער גיטראָפען א גראַף פון א דאָרף פאָהרענדיג מיט זיין גרעסען אין פון הינטען ביי דיא רעדלעך פון זיין קאַרטע שלעפט

שלעפט זיך נעבען נאך אנגעבונדען בייא א שטריק א יוד מיט זיין ווייב מיט זיינע קליינע אבגעמאטערטע קינדער פאר א שטראפע וואס זייא האבען דעם גראף דיא ראטע פאר דער ארענדא נישט באצאהלט, דיא פערד האט מען גישלאגען זייא זאלען געשווינד לויפען כדי דיא יודישע נאכשלעפערס זאל זייער נשמה ארויספליהען פונים לויפען. דער רבי משה ליב זצ"ל איז גיוועזען א הויכער אין זעהר א זעלטענער שעהנער פערשוין זיין צורה האט גילייכט וויא דיא זוהן. ער האט גיהאט חן בייא דיא גרעסטע פירשטען וועלכע האבען איהם גיזעהן דעמאלט האט דער רבי ר' משה ליב אהנגעהויבען צוא שמוסען מיט דעם גראף אין מיט דער גרעפין אין האט זייא זעהר גילובט, דער נאך האט ער בייא זייא גענומען זייער קליין קינד אין האט עס גיקושט אין האט דאס קינד זעהר מפליא גיוועזען וויא שעהן אין קלוג דאס איז. דער גראף מיט דער גרעפען האבען דעם רבי'ן ר' משה ליב אויך גיקענט פאר אגעטלעכען מאן האבען זייא פערלאנגט עס זאל זייא דאס קינד בענשען האט ער זייא דאס קינד אב גיבענשט. שטעהענדיג נעבען זייא אין מיטען דעם טיפען שמוס האט ער זייא גיפרעגט ווער זענען דיא מענשען וואס שלעפען זיך עפיס נאך הינטען ביי די אונטערערדליך האבען זייא איהם ערצעהלט פון דעם חוב וואס דער יוד איז זייא שולדיג גיבליבען, האט דער רבי ר' משה ליב זייא גיגעבען צוא פערשטעהן אז עס פאסט נישט פאר אזוינע גרויסע הערין זייא זאלען זיך זייער כבוד שענדען מיט אזונע נידרעגע מענשען, אויך האט ער גיזאגט וואס טוג אייך דאס גישרייא און דאס וויינען פון דיא ארימע מענשען דאס גיוויין קען נאך ח"ו שאדען אייער טייער און לעכטיג קינד אין האט דאס קינד ווייטער ארומגיהאלזט אין געקישט. אין בייא דעם צווייטען מאהל קושען האט שוין דער גראף גיהייסען תיכף דיא שטריק אויפבינדען אין האט שוין דיא נאכשלעפערס דיא פערביטערטע נשמות בעפרייט, דער רבי ר' משה ליב ז"ל האט זיך אומגיקערט מיט דעם גאנצען עולם מקבל שבת זיין, בייא זיין אנטהון צוריק דיא שבתדיגע מלבושים האט ער אהנגעהויבען צוא שרייען אוי אוי א מויל וואס האט צווייא מאהל געקושט א בן הנדה וואס האט זיך אזוי פערשמוצט וויא אזוי קען זיך אזא מויל עפנען צוא זאגען הייליגע דיבורים פאר דעם איינציגען בורא ברוך הוא. אין מקבל שבת זייך, נאהר משה ליב דערמאנט זיך אז עס שטעהט וויא דיא כלבים זאגען

אויך

# התגלות הצדיקים

אויף שירה צוא גאָט ברוך הוא איז משה ליבּ'ס מויל נישט קָרגֶער פון א כלב דאדורך מעג שוין אפילו משה ליב מקבל שבת זיין יעדֶער יוד דארף גיט די מעשה מיט דיא דיבורים איינפלאנצען אין זיין הארץ דען אין אלע עָנין קומט איהם דאָס צוא גוטץ. זי"ע:

---

## נָאך אַ ווּינְדערְלִיכָע מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם רַבִּין ר׳ משֶׁה לֵיבּ מִסַּאסוּב זצ"ל:

דֶער אלטער הייליגער טשאָרטקיבער רבי הקדוש ר׳ דוד משה זצללה"ה האָט דערצעֶהלט זיבּעֶן יאָהר האָט דער רבי ר׳ משה ליב סאָסיווער גילערינט בּיים הייליגען צדיק ר׳ שמעֶלקע ניקעֶלסבורגער ז"ל נאָך זיבען יאָהר האָט איהם זיין רבי געזאָגט אצונד מעגסט דיא שוין אהיים פאָהרען נאָהר איך וועל דיר מיט געבּעֶן צדה לדרך און האָט איהם מיט גיגעבּעֶן א גילדעֶן רענדיל. און א ווייסעֶ חלאַט דאָס איז איז גיוועֶן דאָס צדה לדרך און דער רבי ר׳ משה ליבּ איז זיך אהיים געגאַנגען. גייענדיג אוֹיפ'ן וועֶג האָט עֶר דערהערט זעהר א פערבּוטערט יעמערליך קוֹל. און איז נאָך דעם קול נאָכגעֶגאַנגען ביז ער איז צוא געֶקוּמען צוא א הויז האָט ער דעֶרהערט דאָס קול גייט פון א קעהלעֶר וואָס עס זיצט נעֶבּיך דאָרט א יוד פערשלאָסען שרייט און וויינט. אוֹי וויא בעמט מעֶן דרייהונדעֶרט רייניש באצאָלען דעֶם גראף פאר דער ראַטע פוּנ'ם שעֶנק. כדי מיין חיות זאָל מיר חדיו נישט אוֹיסגעֶהן פאר דער צייט, הערענדיג דיא ווערטער האָט תיכף דער רבי ר׳ משה ליב איהם אין קעהלעֶר זיין איינצוג בּרוֹיט וואָס דעֶר רבּי זיינער האָט איהם מיט גיגעֶבּען אריין גיוואָרפעֶן זאָגענדיג צוא זיך דיא ווערטער, לאָז דער יוד דערווייל נישט אוֹיסגעֶהן פאר הונגעֶר און איז תיכף געלוֹיפען צום גראַף און האָט מיט איהם געשמוּסט פון דעם יוד אין קעֶהלער און האָט איהם גיוואָלט אוועקגעֶבּען דעֶם רבי'ס רעֶנדיל דעֶר גראַף האָט אָבּעֶר מסתמא נישט גיוואָלט א חוב פון דרייהונדעֶרט רייניש פאר איין רענדיל אבּסאַלאַטירען דער רבי ר׳ משה ליבּ איז שוין צוריק פוּנ'ם גראַף מיט א צעֶבּראכען הארץ, וואָס טוט מען, וואָס טהוט מען. זאָגט ער צו זיך אלייז דער צער פון דעם יוד האט

האט איהם אזוי שטארק בארירט. אין איז נאכא געלויפען צוריק צום גראף ווידער מיט דעם רבי'ס רענדיל אין דער האנד. דעמאלט אבער אין דער צייט האבען דיא גראפען גיהאט ממשלה בייא זיך אין דארף אליין צו ארטיילען אפילו טוידט ארטהייל. אונזער ר' משה ליב נעביך האט דער גראף אנגענאמען אלס מורד במלכות פאר זיין צווייטען מאהל קומען פאר איהם מיט דעם רענדיל אין דער האנד אין האט איהם פעראורטיילט צום טויט, אין אויף דעם ארט מען זאל איהם אהן רייצען דיא שלעכטע הויפסהינד זייא זאלען איהם אויף שטיקער צוא רייסען דעם רבי'ן ר' משה ליב האבען אבער דיא הונד אפילו נישט גיוואלט אנרורען וויא דער גראף האט דאס דערזעהן האט ער גיהייסען מען זאל איהם ארייין פיהרען און דעם ארט אין הויף וואס דארט האט דער גראף גיהאלטען פערשיעדענע חיות רעות וויא דער רבי ר' משה ליב האט דערזעהן דאס לויפען פון די חיות רעות אקעגען איהם, האט ער זיך תיכף גיגעבען א טיה אהן דעם ווייסען חאלאט וואס זיין הייליגער רבי ר' שמעלקי האט איהם מיט גיגעבען זענען אלע חיות רעות פין איהם אוועקגעלויפען וויא דער גראף האט שוין דאס דער זעהן איז ער בכבודו ובעצמו געגאנגען צום יוד אין קעלער אין האט איהם בעפרייט אין דעם רבי'ן ר' משה ליב. דער הייליגער טשארטקיווער ז"ל האט אויסגעפיהרט ווי נעמט מען היינט אזא חאלאט:

---

# אוינדערליכע ערצעהלונג וואס איז פאהרגעקומען אין דער צייט פון דער פוילישער פאוסטאניע בי'ם ראדאמסקער רבי דער תפארת שלמה ז"ל:

און דעת צייט ווען דער ראדאמסקער רבי ר' שלמה דער מחבר פון ספר תפארת שלמה, האט אנגעהויבען בעוויסט צו ווערען אויף דער וועלט פאר אגרויסען בעל מופת, איז פאהרגעקומען דער פוילישער אויפשטאנד אקייגען דער רוסישער מאכט, איינמאהל זענען א חברה אויפשטענדיגע אדורך געגאנגען דורך דער שטאט ראדאמסק אין דעם אומגעגענט, איז אהויף לעבין ראדאמסק האט געוואהנט זייער אריכער

# התגלות הצדיקים

יד אחסיד אין אבעל צדקה ווען די פוילישע זעגען אריינגעקומען אויך צו דעם יוד האבען זייא פין איהם געפאָדערט פראָדוקטען פאר זייערע חיילות אין פאשע פאר די בהמות וועלכע זיי האבען געהאט אהנגעראבירט אין די ארומיגע דערפער, געוועהנליך האט זייא דער יוד געמוזט געבען וויפיעל ער האט געהאט אבוואהל עס איז געוועזען פערבינדען מיט גרויס פעראנטוואָרטליכקייט וויל דערנאך אז דיא רוסישע מאכט האט דיא אויפשטעגדיגע אונטער געדריקט האבען זיי אויך בעשטראָפט דיא מענטשען וועלכע האבען זייא מיט עפיס צו געהאָלפען, אבער פאהרלויפונג האט מען דערפין נישט גיקענט אין זיגען האבען ווייל וויא באלד ער זאל נישט געוועזען זייא געבען וואלטען זייא איהם באלד געוועזען בעהארגעט, נאהר ער האט זיך שטארק געהיטען דאס עס זאל קיינער נישט וויסען אז ער האט זייא גיגעבען, אין דרובער ווען ער האט זייא גיגעבען דעם גאנצען זאפאס וואס האט זיך ביי איהם געפינען. אין זייא האבען אבער פין איהם נאך מעהר געפאָדערט האט ער זייא דאס אבגעזאגט, ווייל צו גיין קויפען האט ער מורא געהאט דאס זיינע נישט יודישע שכנים וועלין איהם דערנאך מאסערין פאר דער רוסישער מאכט:

דיא אויפשטענדיגע האבען איהם לאנג נישט גיבעטין אין זייא האבען איהם תיכף ערקלערט פאר אמורד אין זייער בעפעהל אין זייא האבען איהם ארעסטירט אין באלד געמאכט איבער איהם אשטאנד בעריכט. אין אבגעפאסקענט דעם טויט אורטייל, זעלבסט פערשטענדליך דאס עס איז געוואהרען אגרויס געוואלד דיא שטיב מענטשען זענען שטארק צו טימעלט געוואהרען אין זענען מיט אגרויס געוויין אין געשרייא אריינגעקומען קיין ראדאמסק צום רבין אין דערציילט איהם דאס גרויסע אונגליק וואס זייא האט געטראָפען, אז מען האט אויף איהם געמאכט אבילבול אין ער איז איינגעשטעלט מיטן לעבען, דער רבי האט זייא גיענטפערט זייא זאלען נישט שרעקען חו"ל עס וועט איהם נישט חס ושלום געקרימט ווערען קיין האר, אין עס וועט נאהר אויסגייען צו געלט, אין ער האט זייא געהייסען גייען צו דעם אהנפיהרער פין דיא אויפשטענדיגע, זייא האבען נאך געזאגט דיא חברה, אין זייא זענען געגאנגען צו דעם אנפיהרער האט ער זייא ארענטליך אויפגענומען אין ער האט זייא געזאגט דאס ער האט באמת שטארק בעזינדיגט אקעגען זייא ווייל ער האט נישט געוואלט געבען פאר זייערע חיילות

קיין

קיין פראוויאנט מאהר ער וועט זייא צוליעב רחמנות אויסטוישען דעם טויט אורטייל אויף אגעלט שטראף אבער נישט ווינציגער וויא דרייסיג טויזינד גילדען. זייא זענען תיכף געלאפען אהיים אין האבען גיברענגט דאס געלט אין האבען איהם אויסגילייזט, אהיים גייענדיג האט ער זייא דערציילט דאס ער איז שוין גיוועזען אטאג דערפאהר געבינדען צום הענגען נאהר ער ווייסט נישט וואס זיי האבען זיך עפיס מיישב גיוועזין זייא האבען איהם צוריק אויפגעבינדען אין מען איז תיכף געלאפען דערציילען דעם רבין דאס זיין ברכה איז מקוים געוואהרען אין דיא פאויסטאנציעס האבען איהם פרייא געלאזט, האט דער רבי גיפרעגט דורך וואס פאר אסיבה האבען זייא איהם אבגעלאזט, האבען דיא מענטשען ציענטפערט דאס ער האט בעצאהלט דרייסיג טויזינד גילדען, האט דער רבי זיך זייער פערווינדערט היתכן פאר וואס איז זייא געקומען אזוי אבעוואלטיגע סומע געלט צו געבען. ניין, ניין. איך בין נישט איינשטימונג דערויף אין איך זאג אייך דאס ער וועט דאס געלט גאהר נישט היזק האבען מען וועט עס איהם אבגעבען עד פרוטה אחת:

דיא אלע מענטשען וועלכע זענען דאמאלסט גיוועזען ביים רבין האבען זיך זייער פערווינדערט ווייל יעדערער האט געוויסט אז דאס וואס דיא פאוסטאנציעס האבען צו גענומען איז גיוועזען פארפאלען, אבער זייא האבען אויך געוויסט אז דאס וואס עס גייט ארויס פין רבינס מאהל איז הייליג, אין אזוי וויא זייא האבען דאה הערשט געהאט דאס גילעגינהייט צו זעהן, עס איז אוועקגיגאנגען אצייט אין דיא רוסישע רעגירונג האט דעם אופשטאנד אינטערגעדריקט אין זייא האבען בעפאנגען דעם גאנצען שטאב פין דיא אויפשטענדיגע ווי אויך זייער קאסע, האבען זייא געפינען דיא גאנצע דרייסיג טויזינד גילדען במזומנים עס האט זיך ארויס געוויזען פין זייערע ביכער אז דאס איז גיוועזען אשטראף פאר דעם וואס דער גביר האט זיך אבגעזאגט זייא צו געבען פראוויאנט. איז דאס דער רוסישער מאכט זייער גיפעלען אין מען האט תיכף געשיקט אנאויפאדרונג צו דעם גביר, אין וויא ער איז געקומען האט מען איהם אויסגיפרעגט צו מען האט ביי איהם צו גענומען געלט האט ער גיענטפערט דאס די אויפשטענדע האבען ביי איהם צו גענומען אלס שטראף דרייסיג טוזינט גילדען. האט מען איהם ארויס גענומען דאס זעלבע פעקעל געלט איז צוריק אבגעגעבן עס האט נישט גיפעהלט נאך דער פון קיין איין פרוטה איז מען ווידער בעקומען דערציילען דעם רב

האט

# התגלות הצדיקים

האט ש׳ זייא געזאגט נו שוין ווידער אמאפס. אפשר וואלט איהר מיר נישט פערדרייט דעם קאפ מיט אייערע שטותים אין מופתים, אין ער האט דערפין גאהר נישט געוואלט הערען. אין ער האט אהנגעשריגען אויף דיא אלע מענטשען זיי זאלען זיך גייען אין נישט דערציילען פין איהם קיין מופתים, האבען איהם דיא היימישע מענטשען וועלכע זענען גיוועזען שטארק מקורב גיפרעגט פערוואס ער האט זיך אזוי געבייזערט אויף דיא מענטשען וואס זיי האבען די זאך אהנגענומען פאר איין מופת דער אמת איז דאך טאקע אזוי. דאס דער גביר איז גיוועזען אין אגיפערהליך אומגליק אין דער רבי האט געזאגט אז ער וועט ניצול ווערען אין עס וועט נאהר אויסגייען צו געלט איז אזוי געוואהרען אין דערנאך האט דער רבי געזאגט דאס מען וועט איהם דאס געלט אויך צוריק געבען. אין יעצט איז דאס אויך מקוים געוואהרען מען האט איהם צוריק גיגעבען עד פרוטה אחת אויף גאהר אנאומגערעכטען אופן. איז דאס דאך טאקע נאהר אמופת אין רבינס זכות אין עס איז ווערט צוא דער ציילען מען זאל וויסען דעם גרויסען כח פין דיא צדיקים וואס דאס ברענגט אריין אמונה אין יודישע הערצער:

האט זייא דער רבי גיענטפערט איך וועל אייך דערציילען אנאמתדיגע מעשה וועלכע איז פאהרגעקומען ביי דעם הייליגען בעש״ט זכרונו לברכה מיט זיינס אתלמוד. איינמאהל האט דער הייליגער בעש״ט זכרונו לברכה אנגעשלאגען איינעם פין זיינע תלמודים דאס ער זאל ווערען רב אין אשטאט. האט דער תלמיד נישט געוואלט, האט זיך דער הייליגער בעש״ט אויף איהם זייער שטארק געבייזערט אין איהם גיפרעגט, היתכן איך וויל דיר געבען אנארט דאס דיא זאלסט קענען זיצען על התורה ועל העבודה ווילסטו גאהר נישט, דאס איז אסימן אז דיא ביסט נישט קיין מתמיד דיא ווילסט גאהר נישט לערנען דרובער ווילסטו דאס רבנות נישט אהנעמען אין נאך אזעלכע ווערטער אבער דער תלמיד האט זיך בעהאלטען ביי דאס זייניגע אין ער האט גיענטפערט דאס ער וויל בשום אופן אויף זיך נישט נעמען דעם עול רבנות וויל דאס קען איהם ברענגען צוא גיאות אין צוא ביטול תורה חס ושלום. דאמאלסט האט הערשט דער הייליגער בעש״ט איהם מגלה גיוועזען דאס ער האט איהם נאהר געוואלט אויספרובען צוא ער וועט וועלען ווערען רב אין וועלכע שטאדט וועט ער וויסען דאס ער לערינט נאהר כדי גרויס צוא ווערען וויל ער האט גיהערט אין הימעל דאס מען האט איהם געוואלט

פונאַלט דאַרמיט פּרובען אין ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מען אָבּען דעם בעל דבר רשות איהם צו פּרובען, אין דאַמאָלסט ווער ווייסט צור ער וואָלט גיקענט אויסהאַלטען דעם נסיון דרובער האָט ער אַליין איהם געפּרובט. זעהן מיר דאָך פין דער מעשה דאָס מען שיקט אַמאָהל צוא פין הימעל דעם מענטש גרויסקייט כדי איהם צוא פּרובען. אין ווער ווייסט צוא דיא מופתים זענען נישט קיין נסיון מיך אריין צו ברענגען אין גיאות חס ושלום, דרובער וויל איך גאָהר נישט הערען מען זאָל שמיסען דער פין. אין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעס גיטען אי מיר זאָלען זוכה זיין צוא דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן:

---

# אַוּוינְדֶערְלִיכֶע עֶרְצֶעהְלוּנְג פֿוּן דֶעם רַאדְאמְסְקֶער רֶבִּין דֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה;

אֵיינְמָאהְל איז דער ראַדאָמסקער רבי ווען ער איז נאָך גיוועזען איונגערמאַן אין געוואָהנט אין קארזילוב, געגאַנגען אויף חנוכה צוא דעם רבּי'ן ר' מאיר'ל קיין אַפּטאָ, זעלבסטפערשטענדליך דאָס אין דרויסען איז נישט ווארעם גיוועזען אין ער איז נישט געגאַנגען זייער גיט אָהנגעטהון, אין אַזוי גייענדיג איז ער זייער מיעד געוואָהרען ער האָט דערפיעלט דאָס דיא כוחות לאָזען איהם אָב אָבער בערעכענדינג דאָס עס איז ווינטער דער טאָג איז קליין אין אויב ער וועט זיך אָבשטעלען רוהען וועט נאַכט ווערען אין ער האָט נאָך א דורך צוא גייען דעם גרויסען אַפּטער וואַלד, האָט ער זיך גישטאַרקט מיט אַלע קרעפטין אין ער איז ווייטער גיגאַנגען, אָבער וויא ער איז שוין אריין געגאַנגען אַביסעל אין וואַלד אריין איז ער אַזוי שוואַך געוואָרען דאָס ער האָט זיך נישט גיקענט אוועק רוהרען פין דעם אָרט וויא ער איז געשטאַנען, ער האָט זיך קוים מיט דיא לעצטע קרעפטען אַרובער געקרוגען איבער דעם ראָף וואָס האָט פינאַנדער. געשייט דעם וועג פון דעם וואַלד, אין ער איז צוא געקראָכען צווישען דיא דיקעביימער ער זאָל זיך דאָרט אַביסעל אָברוהען. אָבער דאָה איז איהם זייער קאַלט געוואָהרען עס האָט איהם אָהנגעהויבען צוא שטעכען אין דיא זייטען

אין

# התגלות הצדיקים

אין דיא פליצעס, אין דערוויל איז נאכט געוואָרען ער האָט זיך זייער איבער געשראָקען זייענדיג אליין אין וואלד, אין ער האָט פון גרויס פערצווייפלונג אויסגעבראָכען מיט אביטער געוויין, רבונו של עולם איך האָב דאָך יעצט מיך צוא קיינעם נישט צוא ווענדין באָהר צוא דיר אליין העלף מיר יעצט ארויס פון מיין נויט. פלוצלונג האָט זיך דערהערט אגלעקיל קלונגערייא פון אדורך פאָהרענדען שליטען, אָבער דאָה האָט ער זיך נישט געפיהלט אין קיין כוחות צוא צי גייען, אָבער דער שליטען האָט זיך פונקט אָבגישטעלט אנטקעגען איהם אין אייגער האָט ארוס געשריגען. וועלכער גנב ליגט דאָס דאָרט, האָט ער ביענטפערט איך בין נישט קיין גנב נאָהר איך בין געגאנגען קיין אפט בין איך מיעד געוואָהרען אין אנידער געפאלען, דער מענטש האָט איהם געזאָגט קום אהער ווערסטו מיט אונז אריינפאָהרען קיין אפט, האָט ער גיענטפערט דאָס ער איז אזוי פערשטארט געוואָהרען דאָס ער קען זיך נישט רוהען פון אָרט האָט ער געזאגט צו דעם בע"ג וואָס וועט זיין מיר קענען דאָך איהם נישט דאָה איבער לאָזען וויל ער וועט דאָך געוויס בעפרוירען יוערען גייא ברענג איהם אהער, דער בעל עגלה איז תיכף צוא איהם צוא געגאנגען אין איהם גענומען אויף דיא פלייצעס אין אריין געלייגט אין שליטען ציווישען דעם שטרויא אין איהם צוא גידעקט מיט אקאלדערע, האָט ער זיך הערש דערוואָרימט אין איז געקומען צוא זיך אין ער איז אויף דעם שליטען אייגעשלאָפען, אין אוויילע ארום האָט איהם דער מענטש אופגיוועקט אין געזאָגט דאָה איז שוין אפט קענסט אראָב גייען, האָט ער זיך אומגעקיקט אין גיזעהן דאָס ער שטייט פונקט פאר דער סטאנציע, איז ער אראָב געגאנגען אין ער האָט גיפרעגט דעם בעל עגלה וויפיעל עס קומט איהם האָט ער געזאָגט זעקס קאָפיקעס האָט ער איהם גיבעטען דאָס ער זאָל אביסעל צוא ווארטען ער גייט אריין אויף דער סטאנציע וועט ער אויסטוישען אָבער עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט אזוי וויא ער איז נאָהר אראָב געגאנגען האָט ער נישט גיזעהן קיין שליטען נישט קיין מענטשען ער האָט זיך זייער געוואונדערט וויא זייא זענען אהין געקומען. פלוצלונג אָבער אריין קומענדיג צום רבי'ן איז ער געוואהר געוואָהרען אז דאָס איז גיוועזען אליהו הנביא ער איז איהם געקומען ראטיווען ווייל ער איז געגאנגען צום רבין מיט מסירת נפש, זייער זכות זאָל אינץ ביי שטיין אמן.

---